Teka 201 III

# Akademicka Organizacja Żydowskiej Socjaldemokratycznej Partji Robotniczej („Poale-Sjon").

Proletarjusze wszystkich krajów łączcie się!

BIBLJOTEKA OLSZEWICZÓW
13

## Do strejku powszechnego w dzień pierwszego maja!

Towarzysze i towarzyszki!

W dniu pierwszym maja, dniu tradycyjnego święta mas robotniczych, wołamy do was, towarzysze studenci i uczniowie: stańcie w szeregi walczącego proletarjatu!

W dniu tym gromadzi zjednoczony proletarjat rewolucyjny swe siły, by przeciwstawić je potędze burżuazji, która wywoławszy straszną rzeź ludów, skazała je na najokropniejszą nędzę, głód, śmierć, zagarniając przytem sama miljonowe zyski wojenne.

Gdy proletarjat rosyjski wzniósł wysoko sztandar walki z kapitalizmem, zmusił militaryzm niemiecki do rokowań pokojowych, już po krótkim czasie stało się dla nas jasnym że pokój może nam przynieść tylko powszechna rewolucja socjalna. Obecnie zjednoczyły się siły najwsteczniejszej reakcji Ukrainy, Litwy, Finladji, Niemiec. Polski i t. p; starają się one stłumić proletarjacką rewolucję rosyjską, by odwrócić od siebie gniew mas robotniczych we własnym kraju.

Dzisiejszy 1-szy maj winien być dla nich wszystkich zapowiedzią zemsty proletarjatu, zakończenia wojny i położenia kresu ich panowania!

Towarzysze i towarzyszki! Połączmy się ze świadomym robotnikiem żydowskim, który wszędzie i zawsze walczy o wyzwolenie swoje jako klasy i narodu, by uwolnić się od specyficznych cierpień golusu które są udziałem narodu bezterytorjalnego, tworzącego wszędzie mniejszość narodową, by tu na miejscu pozyskać sobie gwarancje państwowe rozwoju narodowego—autonomję narodową, postawiwszy sobie za jeden z celów najbliższych wspomaganie tworzenia wolnego, normalnego życia żydowskiego w Palestynie.

Do was, studenci i uczniowie, których sumienie i świadomość reaguje jeszcze choć zrzadka na tę krzyczącą niesprawiedliwość, na to że ci, którzy pracują i tworzą wszystkie skarby kultury ludzkiej, są najbardziej wyzyskiwani, tkwią w biedzie i nędzy; do tych którzy chcą zakończyć nasze cierpienia jako Żydów, do tych wszystkich wołamy stańcie pod chorągiew Żydowsk. Socjaldemokratycznej Partji Robotnicz. („Poale-Sjon"), pod chorągiew świadomego robotnika żydowskiego, który na całym świecie prowadzi walkę wraz z całym międzynarodowym proletarjatem przeciwko krwawej wojnie, przeciw eksploatacji, uciskowi narodowemu! Za pokój, wolność, samookreślenie narodów! Za Socjalizm!

Towarzysze i towarzyszki!

Jeżeli musicie walczyć z trudnościami i przeszkodami do zdobywania wiedzy, która jest dotychczas monopolem klas posiadających, jeżeli znosicie uniżenia z powodu przynależności do narodu żydowskiego, zjednoczcie się z ruchem robotniczym, który walcząc o swoją wolność, daje tą wolność całej ludzkości.

Towarzysze i towarzyszki!

Dzień 1 maja jest manifestacją międzynarodowego proletarjatu przeciwko jego ciemiężcom! Razem z nim wyjdźmy na ulicę pod czerwonym sztandarem. Głośno niech brzmią jego i nasze hasła:

Niech żyje 1-szy Maj!
Niech żyje strejk powszechny!
Precz z wojną!
Precz z władzą okupacyjną, radą regencyjną i radą stanu!
Niech żyje wolna demokratyczna republika Polska!
Niech żyje autonomja narodowa!
Niech żyje międzynarodowa rewolucja!
Niech żyje socjalizm!

BIBLJOTEKA ... KATOWIC...

**Akademicka Organizacja Żyd. Soc-Dem. Partji Rob („Poale-Sjon")**

Warszawa, 30-go Kwietnia 1918

# אקאדעמישע ארגאניזאציע פון דער יודישער סאציאל-דעמאקראטישער ארבייטער-פארטיי („פועלי-ציון")

### פראלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך!

## צום ערשטען מאי! צום אלגעמיינעם שטרייק!

### חברים און חברטעס!

אין דעם טאג פונ'ם ערשטען מאי, דעם טראדיציאנעלען פראלעטארישען יום-טוב, רופען מיר אייך, חברים אקאדעמיקער און שילער, צו שטעלען זיך אין די רייהען פונ'ם קעמפענדען פראלעטאריאט.

אין דעם טאג זאמעלט צונויף דער רעוואלוציאנערער פראלעטאריאט זיינע כוחות אויף ענטקעגענ-שטעלען=זיך דער בורזשואזיע, וואס ברענגענדיג די גרויסע מענשען=שלאכט, האט זיך פערשאפט מיליאר=דען=פראפיט, פאר די פאלקס-מאסען---נור טויט, הונגער און נויט.

האט דער רוסישער פראלעטאריאט העלדיש אויפגעהויבען די פאהן פון קאמף געגען דעם קאפיטאל, געצווינגען דעם דייטשען מיליטאריזם צו געהן אויף שלום-אונטערהאנדלונגען, איז נאך א פאר וואכען צייט שוין קלאר געווארען, אז דעם שלום האבען מיר איצט צו ערווארטען נור דורך דער אלגעמיינער אייראפעאישער רעוואלוציע.

איצט האבען זיך די שווארצע כוחות פון דער בורזשואזיע פון פוילען, אוקראינע, ליטא, קורלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך א. א. פעראייניגט צו דערשטיקען די פראלעטארישע רעוואלוציע אין רוסלאנד, כדי אבציהען פון זיך דעם צארן פון די ארבייטער=מאסען ביי זיך אין לאנד.

דער היינטיגער ערשטער מאי דארף זיין פאר אלע דער אנזאג פון נקמה פון פראלעטאריאט, א סוף מאכען מיט דער מלחמה, א סוף מאכען מיט זייער הערשאפט.

צוזאמען מיט'ן בעוואוסטזיניגען יודישען ארבייטער, דער, וואס האט פערבונדען זיין בעפרייאונג אלס קלאס און נאציאן אין אלע זיינע פאדערונגען, אז צוזאמען מיט דער בעפרייאונג אין די לענדער, וואו ער וואהנט, בעפרייענדיג זיך פון גלות, פון די בעזונדערע ליידען, וואס ער געהערט צו א עקסטעריטאריאלען פאלק, וואס בילדעט אומעטום א נאציאנאלע מינדערהייט, צו ערקעמפען זיך דא אויפ'ן ארט די מלוכה=גא-ראנטיעס פאר נאציאנאלע ענטוויקלונג—פאר נאציאנאלע אויטאנאמיע—

שטעלענדיג זיך איינס פון זיינע וויכטיגסטע נאהנטע ציעלען, מיטצוהעלפען דער שאפונג פון דעם פרייען נארמאלען יודישען לעבען אין פאלעסטינא.

צו אייך, אקאדעמיקער און שילער, ביי וועמען דער געוויסען און בעוואוסטזיין רופט זיך נאך אב פון צייט צו צייט אויף די גרויסע גוואלדטהאטען, וואס ווערען אבגעטהון אין דער קאפיטאליסטישער געזעל=שאפט, אז די, וואס פראדוצירען און שאפען אלע אונזערע אוצרות פון דער מענשליכער קולטור, די ווערען אמענסטען עקספלאטירט, געפינען זיך אין ארימקייט און נויט, געניסען גארנישט פון דער שענער לעבעדיגער וועלט.

צו די, וואס ווילען אנ'ענדע מאכען צו די פערפאלגונגען און צרות, וואס מיר ליידען, — אומעטום אלעס יורען,—צו די אלע רופען מיר: שטעלט זיך אונטער דער פאהן פון דער י. ס. ד. א. פ. „פועלי ציון". די פאהן פון יודישען בעוואוסטזיניגען ארבייטער, וואס פיהרט-אן זיין בעפרייאונגס-קאמף איבעראל אויף דער גאנצער וועלט צוזאמען מיט'ן אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט, געגען דער בלוטיגער מלחמה, געגען עקספלאטאציע, געגען נאציאנאלע אונטערדריקונג. פאר שלום, פרייהייט נאציאנאלע זעלבסטבעשטימונג פאר'ן סאציאליזם.

חברים און חבר'טעס!

אויב אייך קומט נאך אויס צו ליידען, בעקומענדיג בילדונג דאס, וואס איז נאך ביי היינטיגען טאג א מאנאפאל נור פאר דער בורזשואזיע.

אויב איהר פיהלט נאך די ערנידערונג צוליעב דעם, וואס איהר געהערט צום יודישען פאלק — גיסט זיך צונויף מיט דער ארבייטער-בעוועגונג, די, וואס קעמפט פאר איהר בעפרייאונג, בעפרייט זי זיך די גאנצע מענשהייט!

חברים און חבר'טעס!

אין דעם טאג פון ערשטען מאי מאניפעסטירט דער אינטערנאציאנאלער פראלעטאריאט זיינע כוחות געגען זיינע בעדריקער.

לאמיר צוזאמען מיט איהם ארויס אויפ'ן גאס. אונטער אונזער רויטער פאהן זאל הויך קלינגען זיינע—אונזערע לאזונגען:

זאל לעבען דער ערשטער מאי!<br>
זאל לעבען דער אלגעמיינער שטרייק!<br>
נידער מיט דער מלחמה!<br>
נידער מיט דער אקופאציאנס=מאכט, רעגענטען און מלוכה=ראטן<br>
זאל לעבען די פרייע דעמאקראטישע רעפובליק אין פוילען!<br>
זאל לעבען די נאציאנאלע אויטאנאמיע!<br>
זאל לעבען די אינטערנאציאנאלע רעוואלוציע!<br>
זאל לעבען דער סאציאליזם!

UR 616

**אקאדעמישע ארגאניזאציע פון דער יודישער סאצ. דעמ. פארטיי („פועלי-ציון")**